# ריזיגע וואל זיגן ערווארט פאר די רעפובליקאנער



די רעפובליקאנער זענען אריין אין פאריגן ״וויקענד״ מיט א ברען מיט שטארקע אפטאמיזם אז זיי שטייען אויפ'ן שוועל פון א ריזיגן וואל זיג איבער'ן לאנד, ווען אפילו אזא ליבעראלע צייטונג ווי דער ״ניו יארק טיימס״ האט אויך געשאצט אז די דעמאקראטן האבן בלויז 30 פראצענט אויסזיכטן נישט צו פארלירן דעם מאיאריטעט אינעם סענאט.

ווי באקאנט האט אויסגעפעלט א נעט געווינס פון 6 סענאט זיצן פאר די רעפובליקאנער צו באקומען 51 שטימען אין סענאט. (אויב זיי געווינען בלויז 5 זיצן, אויב זיי בלייבן מיט בלויז 50 סענאטארן, האבן זיי אויך האפענונג אז וויניגסטנס איינס פון די צוויי סענאטארן, וועלכע שטימען איצט מיט די דעמאקראטן אבער זענען אפיציעל ״אינדעפענדענט״, זעלבסטשטענדיג, וועלן זיך שטעלן מיט די רעפובליקאנער צו געבן פאר זיי 51 שטימען. אויב די סענאט בלייבט צוטיילט 50-50, האט דער וויצע פרעזידענט, וואס איינע פון זיינע קאנסטיטוציאנאלע פליכטן איז צו זיין דער פרעזידענט (פארזיצער) פון סענאט, די אנטשיידענע שטימע, וואס מיינט אז די סענאט בלייבט אונטער'ן קאנטראל פון די דעמאקראטן.)

די קאמפיין סטראטעגיע פון די לעצטע וואך פאר די וואלן איז געווען אז די רעפובליקאנער רייסן אראפ פרעזידענט אבאמא, וואס כאטש ער לויפט נישט היי יאר זוכן זיי צו אידענטיפיצירן יעדן דעמאקראטישן פאליטישן קאנדידאט מיט דעם שטארק-אומפאפולערן אבאמא, אפילו ווען די קאנדידאטן אליין שטייען אוועק פון אבאמא און פון זיינע פאליסיס.

מיט ראמני, וועלכער האט פארלוירן צו פרעזידענט אבאמא אין די וואלן פון 12׳, האט אין א קאמפיין מעסעדזש אויפגעפאדערט די וויילער אז: דאס איז באמת די לעצטע מעגליכקייט פון אמעריקע צו געבן אן אפשאצונג אויף די אבאמא אדמיניסטראציע און אירע פאליסיס. מיט דעם מיינט ראמני ארויסצוברענגען, אז אבאמא אליין וועט שוין מער קיינמאל נישט לויפן פאר קיין שום פאליטישן אמט, דעריבער אויב מען וויל געבן א פאטש פאר אבאמא זאל מען שטימען פאר די רעפובליקאנער קאנדידאטן.

אבאמא אליין איז טאקע אוועקגעשטאנען פון די שווערסטע קאמפיינס די לעצטע פאר וואכן, וויסנדיג אז ער טוט מער אויף פאר די דעמאקראטן אויב ער ווייזט נישט אויף קיין פארבינדונג מיט זיי. זונטאג איז ער יא געקומען קאמפיינען קיין קאנעטיקוט פאר'ן דעמאקראטישן גאווערנאר דענעל מעלאי, וואו ער האט אויפגעפאדערט די דעמאקראטן ארויסצוגיין שטימען פאר די דעמאקראטישע קאנדידאטן, אפצואווארפן די רעפובליקאנער ציניציזם.

אבאמא האט געבעטן די דעמאקראטן אז זיי זאלן נישט בלייבן אינדערהיים. ״לאזט נישט עמיצן אנדערש אויסוויילן אייער צוקונפט פאר אייך.״ דער באדייט פון דעם איז, אז אויב די דעמאקראטן בלייבן אינדערהיים און גייען נישט שטימען צוליב זייער אנטוישונג אדער כאטש וואס פארא סיבות, וועלן די רעפובליקאנער געווינען און זיי וועלן ערגער זיין פאר די דעמאקראטישע וויילער.

דער פרעזידענט האט אויך באטאנט אז טראץ אלע ציניציזם, מאכט אמעריקע פארשריט.

ביי די איצטיגע וואלן האט מען געשטימט פאר קאנגרעסלייט אין אלע 435 דיסטריקטן, און די דעמאקראטן האבן שוין חדשים צוריק אויפגעגעבן האפענונג אז זיי זאלן צוריקגעווינען א מאיאריטעט אין רעפרעזענטאנטן הויז. ביי די מיד-טערמיניגע וואלן, פארלירט געווענליך דער פרעזידענט וואס איז אין אמט, קאנגרעסלייט. די דעמאקראטן קאמפיינען ענדערש צו ראטעווען די קאנגרעסלייט וואס האבן א שווערן קאמפיין פון א רעפובליקאנער קעגנער.

אין סענאט האט אויסגעזען ווי א זיכערע זאך אז די רעפובליקאנער וועלן צונעמען וויניגסטנס דריי סענאט זיצן פון די דעמאקראטן אין וועסט ווירדזשיניע, מאנטאנא און סאוט דאקאטא. 9 אנדערע סענאט פארמעסטן זענען נאך געווען צו נאנט אז מען זאל קענען פאראויסזאגן ווער עס געווינט, אבער 6 פון די 9 זענען איצט דעמאקראטישע סענאטארן. ד.מ., אויב העלפט פון די 6 דעמאקראטן פארלירן, זענען די רעפובליקאנער בעלי בתים אויך אין סענאט.

איינע פון די שווערע פארמעסטן שפילט זיך אפ אין ניו העמשיר וואו די דעמאקראטישער סענאטאר דזשין שאהין האט אן אומגעראכטענעם שטארקן קאמפיין פון דעם רעפובליקאנער קאנדידאט סקאט בראון, וועלכער האט געווינען די סענאט וואלן אין מאסאטשוסעטס ביי די ספעציעלע וואלן נאכ'ן טויט פון סענאטאר עד קענעדי, אבער ווען ער איז א פאר יאר שפעטער געלאפן פאר א פולן טערמין האט ער פארלוירן. ער האט זיך אריבערגעצויגן צו די שכנות'דיגע שטאט ניו העמשיר, וואו ער פרובירט איצט זיין מזל נאכאמאל צו ווערן א סענאטאר.

הילערי קלינטאן האט זונטאג אנגעפירט א ראלי פאר סענאטאר שאהין און פאר גאווערנאר מעגי האסאן. (36 גאווערנאר זיצן זענען געשטאנען פאר די וויילער היי יאר.) קלינטאן, וועלכע טראכט פון לויפן פאר פרעזידענט אין 16׳ האט זיך מחי׳ געווען מיט די געלעגנהייט אז זי קען אויפטרעטן אין ניו העמשיר, וואו עס קומט פאר די ערשטע פרעזידענט פריימערי, אין א ״פארווע״ ראלע ווען זי קאמפיינט פאר די דעמאקראטן און נישט פאר זיך זעלבסט, וויסנדיג אז דאס וועט איר ברענגען א הכרת הטוב ווען זי וועט יא דארפן קאמפיינען פאר איר אייגענע קאנדידאטור, אין עטוואס מער פון א יאר צייט, אנהויב 16׳.

זי האט באשולדיגט אז די רעפובליקאנער פירן אן א ״קאמפיין פון מורא״. אין איר ערשטן אויפטריט אין ניו העמשיר זינט אקטאבער 08׳, האט זי ארויסגעברענגט אז ״מורא איז די לעצטע מיטל פאר די וואס האבן שוין נישט קיין געדאנקן און האפענונג״.

אין דזשארדזשיע האבן די דעמאקראטן א געלעגנהייט צוצונעמען א זיץ פון די רעפובליקאנער. זייער קאנדידאט איז מישעל נאם, א טאכטער פון דעם לאנגיעריגן מאכטפולן סענאטאר סעם נאם. איר רעפובליקאנער קעגנער איז דעיוויד פעדו.

ביי א דעבאטע זונטאג, האט פעדו געהאלטן אין איין באצייכענען נאם ווי א ״זיגעלע״ פאר אבאמא, און נאם האט אים אפגעשפעט אז עס זעט אויס ווי ער לויפט קעגן דעם פרעזידענט. דו לויפסט קעגן מיר, דעיוויד, האט זי אים דערמאנט.

אין די פאליטישע וועלט האט מען שוין די וואך שפאקולירט ווי אזוי עס וועט אויסזען ווען די רעפובליקאנער וועלן זיין אין קאנטראל פון ביידע הייזער פון קאנגרעס, און צי עס קען זיין האפענונגען אז דער רעגירונג סיסטעם אין וואשינגטאן זאל בעסער פונקציאנירן, אדער וועט פרעזידענט אבאמא ״רעגירן מיט'ן וועטא״. (די טעמע וועט די וואך אי״ה באהאנדלט זיין אין דעם ״פאליטישן אנאליז״).

## רעקארד וואל באטייליגונג ערווארט אין בארא פארק

אין די לעצטע טעג פאר די וואלן, איז דער קאמפיין פאר אסעמבלימאן אריין אין א מער העפטיגע פאזע, מיט א פרישע פלייץ פון ליטעראטור.

איין פלאקאט האט סתם אויפגעפאדערט אז יעדער זאל גיין שטימען, זאגנדיג אז דאס איז א נייטראלע אויפפאדערונג. עס האט פארגעשטעלט אז אויב מען האלט אז עס איז וויכטיגער די הכרת הטוב פאר עמיצן וואס האט אזויפיל צענדליגער יארן געדינט דעם ציבור, זאל מען שטימען פאר דוב הייקינד. אויב מען האלט אז מען דארף זיך ענדערש קאנצענטרירן אויף האוזינג, זאל מען שטימען פאר נחמן קאלער.

דאס האט אין קורצן אראפגעשטעלט דאס בילד פון דעם איצטיגן קאמפיין. דער אסעמבלימאן ר׳ דוב הייקינד האט ארויסגעברענגט אין זיין ליטעראטור און אויך אין פערזענליכע אויפטריטן וואס ער האט אלס געלייסטעט פאר'ן כלל און פאר'ן פרט, ארויסהויבנדיג די גרויסע געווינסן מיט פארלייכטערן דעם שכר לימוד עול דורך די פארשידענע סטעיט רעגירונג הילף פראגראמען וואס גייען פאר אלגעמיינע שולעס און זענען באשטעטיגט געווארן אויך פאר מוסדות התורה. איין בענעפיט וואס יעדע משפחה שפירט דירעקט איז, אז מען דארף מער נישט צאלן קיין טראנספארטאציע קאסטן ווייל די סטעיט האט עס איבערגענומען.



הייקינד האט אויך געהאט א צאל וויכטיגע אינדארסירונגען פון די פראמינענטסטע פאליטישאנס, אנגעהויבן פון גאווערנאר קואמא וועלכער האט אין זיין אויפטריט אין בארא פארק אויסגעלויבט הייקינד און האט גלייכצייטיג פארשפראכן צו שטיצן אויך די אנדערע הילף וואס קען גיין פאר קינדער וואס לערנען אין מוסדות התורה, וואס קואמא האט דאס באצייכנט אלס ״יוסטיץ״, אלס עפעס וואס קומט פאר זיי.



מוצ״ש האבן אריינטעלעפאנירט צו הייקינד סיי גאווערנאר קואמא און אויך מעיאר דיבלאזיא און מען האט געהערט אויף די ראדיא ווי זיי לויבן הייקינד פאר אלע זיינע ערגרייכונגען און זיי וועלן ווייטער שטיצן זיינע וויכטיגע איניציאטיוון.

סטעיט סענאטאר שמחה פעלדער האט אויך אינדארסירט אסעמבלימאן הייקינד.

הרב נחמן קאלער האט פארגעזעצט זיין קאמפיין אויף די הויפט טעמע פון האוזינג, אז מען קען יא בויען 2,000 דירות אין די קומענדיגע פיר יאר, און אסעמבלימאן דוד גרינפעלד, וועלכער איז געשטאנען נייטראל אין דעם קאמפיין, האט מיט באגייסטערונג באוואונדערט דעם קאלער האוזינג פלאן אלס די בעסטע זאך וואס ער האט געהערט אין די יארן זינט ער איז אין סיטי קאונסיל. ער האט פארשפראכן ארויסצוהעלפן מיט אלע זיינע מעגליכקייטן דאס דורכצופירן.

ר׳ נחמן קאלער האט אויך פארשפראכן איינצופעדימען פארשידענע איניציאטיוון ווי אזוי מען זאל קענען שאפן מער פרנסות, בעזרת השם.

צוליב דעם שטארקן קאמפיין פון ביידע זייטן - וואס מען האט נאכנישט געזען אזא העפטיגן קאמפיין אין די געגנט, זינט מען געדענקט - האט מען ערווארט א רעקארד וויילער באטייליגונג, דינסטאג.

# גאווערנאר קוואמא קאמפיינט שטארק פאר חרדי׳שע שטימען

גאווערנאר קוואמא האט ״איינגעלייגט וועלטן״ ביים איצטיגן קאמפיין צו ווייזן אז ער קען געווינען אויך אין די חרדי׳שע געגענטער, און טאקע אין אזעלכע געגענטער ווי וויליאמסבורג און בארא פארק. נאכדעם ווי ער האט זייער שיין געווינען אין וויליאמסבורג אין די דעמאקראטישע פריימערי, ווען די שטימען וואס ער האט באקומען אין די חרדי׳שע געגענטער זענען געווען 1 פראצענט פון די שטימען וואס ער האט באקומען אין די גאנצע סטעיט, איז זיין קאמפיין געווארן איבערצייגט אז פיליכט קען ער אויך איצט געווינען אין די חרדי׳שע געגענטער, און ער האט זיך קאנצענטרירט שטארקער צו קאמפייגען ביי די חרדי׳שע אידן.

עס איז פארשטענדליך אז מ׳איז אומצופרידן פון די עקסטרעם-ליבעראלע שטעלונגען פון קוואמא, אבער ער שטעלט דאס פאר ווי א נאטורליכע זאך אין זיין קאמף קעגן דיסקרימינאציע. ער ווייזט אן אויף זיין רעקארד אין די 4 יאר וואס ער איז געווען אטורני דזשענעראל, פאר׳ן ווערן גאווערנאר, אז ער האט אלץ געקעמפט פאר באקריוודעטע מענטשן, אריינגערעכנט פאר חרדי׳שע אידן אויב זיי האבן געליטן פון דיסקרימינאציע, ממילא זאל מען אים נישט פארהאלטן געוויסע ליבעראלע זאכן אויף וואס ער האט געקעמפט אלס גאווערנאר.

ענדערש וויל קוואמא ארויסהייבן די הילף וואס ער שטעלט צו פון וואס חרדי׳שע אידן און מוסדות געניסן אויף א גרויסן פארנעם, אז מ׳זאל ענדערש אויף דעם קוקן, און נישט אויף די אנדערע ליבעראלע זאכן. נאכמער, די דעמאקראטן ווייזן אן אז אויך די רעפובליקאנער שטיצן פאקטיש די סארט געזעצן, און ווי מ׳האט געזען עטליכע וואכן צוריק, האט דער סופרים קארט נישט געוואלט אויפנעמען אן אפעלאט קעגן געזעצן וואס זענען קעגן חוקות התועבות, וואס דאס ווייזט אז אפילו בי די 5 קאנסערוואטיווע ריכטער וואס זיצן אויפ׳ן סופרים קארט האט מען נישט געקענט טרעפן 4 פון זיי וואס זאלן איינווילינג אויפצונעמען דעם אפעלאט. אין אנדערע ווערטער, אפילו 2 פון די 5 קאנסערוואטיוון - וואס דאס איז 40 פראצענט פון זיי - האבן אויך נישט געוואלט טשעפען די חוקות התועבות. ממילא וואס קען מען האבן טענות צו גאווערנאר קוואמא איבער דעם?

אין די לעצטע וואך פאר די וואלן, האט גאווערנאר קוואמא באזוכט ביי כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א אין וויליאמסבורג, וואו מ׳האט אים באדאנקט פאר זיינע אויפטוען פאר חרדי׳שע אינטערעסן, און ער האט פארשפראכן ווייטער ארויסצוהעלפן מיט אלעם וואס נאר מעגליך. עטליכע טעג שפעטער האט ער געהאט א גרויסן ראלי אין בארא פארק, וואס אויך דארט האט מען גערעדט פון זיינע אויפטוען פאר חרדי׳שע אינטערעסן און ער האט פארשפראכן נאך מער צו טאן אין דער צוקונפט.

קוואמא האט דראמאטיש דערקלערט, אז דאס איז נישט קיין טובה וואס ער טוט, עס איז פשוט יוסטיץ (גערעכטיגקייט) צו געבן די פארלייכטערונג, די שכר לימוד בענעפיטן פאר עלטערן פון חרדי׳שע תלמידים, וואס אויך זיי דארפן זיין בארעכטיגט צו אלע סארט הילף וואס איז קאנסטיטוציאנאל ערלויבט פאר תלמידים אין רעליגיעזע שולעס און פאר זייערע פאמיליעס.

די וואך זונטאג האט דער גאווערנאר באזוכט אין די אפסטעיט חרדי׳שע שטעטלעך ביי כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א אין קרית יואל, און ביי כ״ק אדמו״ר מסקווירא שליט״א אין ניו סקווירא, וואו ער האט ארויסגעהויבן זיינע לייסטונגען און פארשפראכן ווייטער צו העלפן.

עס איז געווען אן אינטערעסאנטער קאמפיין טאקטיק פון גאווערנאר קוואמא ״אריינצוגיין אין לייבן גרוב״, צו קאמפיינען ביי די חרדי׳שע אידן, און פאליטישאנס האבן ארויסגעקוקט מיט אינטערעסע צו זען ווי די סטראטעגיע וועט זיך אויסארבעטן בי די וואלן.

*







# די פראפאזעלס

געווענליך שטעלט מען ארויס פאר די וויילער יעדעס יאר געוויסע "פארשלאגן", געזעצע ענדערונגען וואס דארפן אויך באשטעטיגט ווערן דורך די וויילער, אזוי ווי אמענדמענטס צו די סטעיט קאנסטיטוציע. עס טרעפט זיך צומאל אז עס קאכט זיך איבער אן אינטערעסאנטן אמענדמענט, אזוי ווי פאר א יאר ווען די ניו יארקער וויילער האבן באשטעטיגט די ערלויבעניש אויפצושטעלן פרישע געמבלינג קאסינאס אין מערערע ראיאנען פון די סטעיט, אבער רוב מאל איגנארירט מען די סארט פראגעס, ווען מען קאנצענטרירט זיך ענדערש אויף די וויכטיגערע אויסוואלן, אזוי ווי היי יאר ווען מען ערוויילט אלע סטעיט באאמטע.

דאס מאל האט מען געשטעלט פאר די וויילער 3 פארשלאגן וואס נויטיגן זיך אין וויילער באשטעטיגונג, און איינע פון זיי האט יא געצויגן היבש אויפמערקזאמקייט, איבערהויפט פון די עדיטאריעלס וואס האבן פארלאנגט צו שטימען "ניין" אויף פראפאזעל 1.

פאלגענד איז א קורצע אויפקלערונג אויף די 3 פראפאזעלס:

- **פראפאזעל 1**

יעדע 10 יאר קומט פאר א נאציאנאלע ציילונג פון די באפעלקערונג, און לויט דעם "צענסוס" אויסגאנג באשטימט מען די נייע וואל דיסטריקטן פאר די פעדעראלע, קאנגרעסיאנאלע אמטן ווי אויך פאר די סטעיט און לאקאלע אמטן. ווען מ׳מאכט א רידיסטריקטינג, גיט עס א געלעגנהייט פאר די פארטיי וואס האט די מאיאריטעט אין די סטעיט לעגיסלאטור, איבערהויפט אויב דער גאווערנאר איז אויך פון די זעלבע פארטיי, אויסצושטעלן א נייע מאפע מיט דיסטריקטן וואס זאל אמבעסטן זיין גינסטיג פאר די פארטיי וואס איז ביי דער מאכט, און דאס האלט געווענליך אן 10 יאר, ביז צום קומענדיגן צענסוס.

אזוי ווי די רעפובליקאנער האבן אפגעהאלטן גרויסע וואל זיגן איבער׳ן לאנד 4 יאר צוריק אין 10׳, האבן זיי געטוישט די קאנגרעסיאנאלע דיסטריקטן אין יענע סטעיטס וואו זיי זענען ביי דער מאכט, אז זיי זאלן האבן בעסערע אויסזיכטן צו געווינען מער קאנגרעסיאנאלע זיצן, און ערב די איצטיגע וואלן האבן זעלבסטשטענדיגע וואל עקספערטן געשאצט אז כאטש די אנקעטעס איבער׳ן לאנד ווייזן אז די צאל שטימען וואס ווערן אפגעגעבן פאר רעפובליקאנער און פאר דעמאקראטישע קאנגרעס קאנדידאטן וועט זיין כמעט די זעלבע, שטייט מיט דעם אלעם אויס פאר די רעפובליקאנער אז זיי זאלן געווינען נאך 4 ביז 10 קאנגרעסלייט!

אין פארגלייך, ווען די רעפובליקאנער האבן אפגעהאלטן זייער גרויסן וואל זיג אין 10׳, געווינענדיג א מאיאריטעט אין קאנגרעס, האבן זייערע קאנגרעס קאנדידאטן באקומען באלד 7 פראצענט פונקטן מער ווי די דעמאקראטישע קאנגרעס קאנדידאטן. פונדעסטוועגן איז גאנץ מעגליך אז איצט וועלן די רעפובליקאנער ארויסקומען מיט די זעלבע גרויסע מאיאריטעט אין קאנגרעס, כאטש זיי וועלן קוים האבן מער שטימען אין לאנד ווי די דעמאקראטן. דאס ווייזט דראמאטיש דעם כח פון "דזשערימענדערן", וואס אזוי באצייכנט מען דעם פראצעס פון אויסשניידן וואל מאפעס מיט׳ן ציל צו פארבעסערן די אויסזיכטן פאר א געוויסע פארטיי שטארקער ארויסצוקומען אין די וואלן. (ביידע פאליטישע פארטייען באנוצן זיך מיט דעם טאקטיק, ווען זיי קענען, דעריבער איז היפאקריטיש פאר די דעמאקראטן צו שטורעמען היי-יאר קעגן דעם, ווען זיי וואלטן דאס זעלבע געטאן אויב זיי וואלטן געהאט די מעגליכקייט דערפאר.)

דאס איז דער פרייז וואס מען צאלט אפילו אין די נאכפאלגענדע יארן, אויב מען פארלירט די וואלן אין א יאר ווען עס ווערט אפגעהאלטן דער נאציאנאלער צענסוס.

אין 12׳, האט מען שוין געזען די רעזולטאטן פונעם "דזשערימענדערן", ווען די דעמאקראטישע קאנגרעס קאנדידאטן האבן באקומען 1.2 פראצענט מער שטימען פון די רעפובליקאנער קאנדידאטן איבער׳ן לאנד, אבער די רעפובליקאנער האבן ערוויילט 234 קאנגרעסלייט און די דעמאקראטן זענען געבליבן מיט 201. א הויפט סיבה פאר דעם "גאראנטירטן" רעפובליקאנער וואל שטארקייט ביי די פארמעסטן איז געווען די נייע דיסטריקטן וואס מ׳האט אויסגעשניטן אין 7 רעפובליקאנער קאנטראלירטע סטעיטס, וואס דאס אליין האט צוגעשטעלט פאר די רעפובליקאנער ארום 14 קאנגרעסיאנאלע זיצן. עס איז נישט אזא גרויסע קונץ. מען אראנזשירט די דיסטריקטן אז מ׳זאל שטעלן גרויסע גרופעס אומסימפאטישע וויילער אין א דיסטריקט וואו זיי וועלן במילא פארלירן ביי יענע וואלן. מיר וועלן דאס פארשטעלן אין אביישפיל וואס מ׳קען לייכטער פארשטיין.

אויב עס איז פאראן א געגענט וואו עס וואוינען צ.ב.ש. 50 פראצענט שווארצע און אנדערע מינאריטעטן וויילער וואס שטימען פאר די דעמאקראטן, און די רעדע איז פון א שטח וואס איז גענוג פאר 3 דיסטריקטן, אויב מ׳לייגט אין יעדן דיסטריקט דעם זעלבן פראפארץ פון 50 פראצענט ווארשיינליכע דעמאקראטישע צו ווארשיינליכע 50 פראצענט רעפובליקאנער וויילער, איז דאך א סברא אז יעדע פון די 2 פארטייען האט די זעלבע אויסזיכטן צו געווינען אין אלע 3 דיסטריקטן. ביי א "דזשערימענדערן" וואס די רעפובליקאנער פירן אן (און דאס זעלבע גייט אויך פארקערט ווען די דעמאקראטן האבן די מאיאריטעט) וועט מען אויסשניידן איין דיסטריקט וואו עס וועלן אריינגעקוועטשט ווערן רובא דרובא פון די מינאריטעטן וויילער אז דארט זאל זייער קאנדידאט געווינען, און אין די אנדערע 2 דיסטריקטן וועלן לייכט געווינען די רעפובליקאנער קאנדידאטן.

אין די וואלן פון 12׳, האבן די דעמאקראטן געווינען 50.7 פראצענט פון די שטימען אין פענסילוועניע, און 49.3 פראצענט איז געגאנגען צו די רעפובליקאנער קאנדידאטן. פונדעסטוועגן האבן 13 רעפובליקאנער קאנגרעס קאנדידאטן געווינען, באקומענדיג א דורכשניט פון 59 פראצענט פון די שטימען אין זייערע דיסטריקטן און 5 דעמאקראטן האבן געווינען אין זייערע דיסטריקטן באקומענדיג 76 פראצענט פון די שטימען, ווייל מען האט "אנגעפילט" די דעמאקראטישע דיסטריקטן מיט "זייערע סארט" וויילער, ערמעגליכענדיג פאר רוב איבעריגע דיסטריקטן צו בלייבן מיט א ווייסע מאיאריטעט.

קאנגרעסמאן פעטריק מיהען האט געהאט גאר אן אינטערעסאנטן דיסטריקט וואס מ׳האט צוגעשטעלט פאר אים, ווען מ׳האט צונויפגעקליבן ראיאנען וואו ער וועט האבן סימפאטישע וויילער, וואו די פארבינדונג איז אפטמאל געווען א שמאלער שטח פון בלויז עטליכע 100 יארד ברייט.

ביידע פארטייען "דזשערימענדערן", אבער בלויז איינמאל זינט די צווייטע וועלט מלחמה האט די פארטיי געווינען א מאיאריטעט אין רעפרעזענטאנטן הויז כאטש די אנדערע פארטיי האט באקומען מער שטימען פאר אירע קאנגרעס קאנדידאטן איבער׳ן לאנד. דאס איז געווען אין 12׳. אזוי געלונגען איז געווען דער גרויסער רעפובליקאנער וואל זיג פון 10׳, אויף וואס די דעמאקראטן וועלן טייער באצאלן, מעגליך אין רוב פון די יארן ביז צו דעם קומענדיגן צענסוס פון 20׳. עס איז גאנץ מעגליך אז די דעמאקראטן וועלן נישט קענען האבן קיין מאיאריטעט אין רעפרעזענטאנטן הויז ביז צום קומענדיגן צענסוס, סיידן זיי וועלן אמאל אפהאלטן ריזיגע זיגן איבער׳ן לאנד, וואס דאס קען געשען אין א יאר פון פרעזידענט וואלן אזוי ווי אין 16׳, אויב די דעמאקראטן וועלן האבן אן אויסטערלישן שטארקן קאנדידאט אין פארגלייך צום רעפובליקאנער פרעזידענט קאנדידאט, וואס דאן קען אזא פרעזידענט קאנדידאט מיטשלעפן אויך די קאנדידאטן וואס לויפן פאר די קלענערע אמטן.

אין די איצטיגע וואלן, אויב די רעפובליקאנער און דעמאקראטן וועלן האבן די זעלבע צאל שטימען פאר זייערע קאנגרעס קאנדידאטן, קומען פארט ארויס די רעפובליקאנער מיט א נעט פארדינסט פון 4 זיצן. אויב די רעפובליקאנער וועלן באקומען 2 פראצענט מער שטימען, מיינט דאס א געווינס פון 10 זיצן. אויב די רעפובליקאנער געווינען 8 זיצן, וועלן זיי צוריקגעווינען אלע זייערע פארלוסטן פון די 12׳ וואלן.

*

אין ניו יארק איז שוין לאנג איינגעפירט אז דער סטעיט סענאט איז אונטער׳ן קאנטראל פון די רעפובליקאנער, און דער אסעמבלי איז ביי די דעמאקראטן. ווען מ׳מאכט נייע דיסטריקטן, איז דא אזא שטילער "דזשערימענדערן" אפמאך, אז די פארטיי וואס קאנטראלירט דעם הויז אין די לעגיסלאטור האט די דעה ביים איינטיילן די דאזיגע דיסטריקטן, וואס אזוי מאכן די דעמאקראטן די אסעמבלי מאפע און די רעפובליקאנער טוען דאס זעלבע מיט׳ן סענאט.

עס איז פאראן פיל מער דעמאקראטן ווי רעפובליקאנער אין ניו יארק סטעיט, און דאס שפיגעלט זיך טאקע אפ אין אסעמבלי, וואו ארום 2 דריטל זענען דעמאקראטן. אין סענאט האבן די רעפובליקאנער אבער אזוי מאנעווורירט אז זיי בלייבן מיט א מאיאריטעט אפילו ווען די דעמאקראטן האלטן אפ ריזיגע זיגן אין די סטעיט וואלן. לעצטענס איז שוין געווארן ענגער פאר די רעפובליקאנער, און זיי האבן געקענט אנהאלטן די מאיאריטעט פירערשאפט בלויז אדאנק עטליכע דעמאקראטישע "פאררעטער".

דאס מאל ווען די רעדע איז געווען פון מאכן נייע דיסטריקטן, איז אנטשטאנען א שטארקער דרוק אז מ׳זאל דאס איבערגעבן פאר אן אומפארטייאישע קאמיסיע. רוב רעפובליקאנער סטעיט סענאטארן האבן אפילו אונטערגעשריבן א פארשפרעכונג, וואס איז פארלאנגט געווארן דורכ׳ן פארשטארבענעם געוועזענעם מעיאר עד קאטש, אז זיי פארפליכטן זיך צו טוישן דעם סיסטעם, אז רידיסטריקטינג זאל אריבערגיין צו א זעלבסטשטענדיגע קאמיסיע, און זאל נישט זיין אונטער׳ן קאנטראל פון די לעגיסלאטור, אבער ווען עס איז געקומען דערצו, האבן זיי זיך אויסגעלאכט, און מ׳האט געמאכט די נייע דיסטריקטן לויט׳ן אלטן פאליטישן איינפיר.

אויף "יוצא צו זיין", אויף איינשטילן דעם שטורמישן פארלאנג פאר רעפארם, איז אפירגעקומען א פארשלאג געשטיצט פון גאווערנאר קואמא און ביידע הייזער פון די לעגיסלאטור, אז מ׳זאל באשטימען עפעס א זעלבסטשטענדיגע קאמיסע צו מאכן נייע דיסטריקטן, וואס דאס זאל אריין אין קראפט נאך דעם קומענדיגן צענסוס. דאס איז די פראגע פון פראפאזעל 1.

מיר ווייסן אבער אן אז דאס איז בלויז א שפיל, אז עס זאל אויסזען ווי מ׳שטיצט רעפארם, ווייל די לעגיסלאטור וועט אויסקלויבן 8 פון די 10 מיטגלידער פון די קאמיסיע, און יענע 8 וועלן אויסקלויבן די פארבליבענע 2, און אין די ענדע קען די לעגיסלאטור צוריקווארפן די קאמיסיע׳ס רעקאמענדירטע מאפע. איז דאס וואל רעפארם?!

דער פראפאזעל האט געהאט גאנץ גוטע אויסזיכטן אנידערגעשטימט ווערן ווייל עס ווערט שטארק קריטיקירט דורך די פרעסע, אבער די פאליטישאנס וועלן זיך נישט נעמען צום הארצן אויב די וויילער שטימען "ניין", ווייל מ׳וועט האבן א פרישע געלעגנהייט נאכאמאל צו רעדן פון רעפארם, און פארשטייט זיך אז דאס וועט נישט פארנעמען אן אויבנאן אין די לעגיסלאטור...

- **פראפאזעל 2**

דער פראפאזעל ווער ערלויבן פאר די לעגיסלאטור צו באקומען די "בילס" (געזעץ פארשלאגן) עלעקטראניש.

די סטעיט קאנסטיטוציע פארלאנגט אז יעדער ביל מוז געדרוקט ווערן אויף פאפיר, און עס מוז זיין אויפ׳ן טיש פון די לעגיסלאטארן וויניגסטענס 3 טעג, ביז מ׳ברענגט עס צו אן אפשטימונג. דאס איז צו פארזיכערן אז "מ׳שווערצט נישט" אריין געזעצן פון וואס מען ווייסט נישט געהעריג פאר זיי ווערן באשטעטיגט. פארשטייט זיך אז דאס איז געשריבן געווארן אלס געזעץ א לאנגע צייט פאר מ׳איז אריין אין די קאמפיוטער עפאכע, פאר מ׳האט געוואוסט פון קאמפיוטערס, לעפטאפס, סמארטפאונס, א.ד.ג., און עס איז פשוט א וואונדער אז עס האט געדויערט ביז איצט אויפצוקומען מיט א פארשלאג צו טוישן די סטעיט קאנסטיטוציע, צו ערלויבן דעם באנוץ פון קאמפיוטערס. פארשטייט זיך אז מ׳וועט ווייטער קענען פארלאנגען א געדרוקטע קאפיע, אבער רובא דרובא פון די געזעצגעבער וועלן דאס נישט פארלאנגען, זיי וועלן זיך באגענוגען מיט די קאמפיוטער קאפיעס.

עס קאסט די סטעיט ארום 53 מיליאן דאלאר פאר פאפיר וואס מ׳נוצט פאר די פילע טויזנטער בילס וואס ווערן פארגעשלאגן, וואס זייער א קליינע צאל האבן רעאליסטישע אויסזיכטן באשטעטיגט צו ווערן. יעדער אסעמבלימאן אדער סטעיט סענאטאר, אויב ער זעט עפעס אן אינטערעסאנטע טעמע וואס קען אים ברענגען שטיצע אין זיין דיסטריקט, ער קען ווייזן אז "ער טוט", וועט באלד פארשלאגן א "ביל", און חדשים שפעטער ווען מ׳זעט אז עס איז גארנישט געווארן דערפון, איז עס נישט זיין שולד, עס איז פאראן מער ווי גענוג תירוצים און אויסריידן פארוואס עס איז נישט ארויפגעבראכט געווארן צו אן אפשטימונג, אבער דער געזעצגעבער האט עפעס "געטאן" מיט פארשלאגן דעם ביל (מיט די קאסטן וואס זענען פארבינדן דערמיט). איצט וועט מען עס קענען יוצא זיין אפילו אויב מ׳וועט נישט דארפן דרוקן יעדן פארשלאג אויף פאפיר.

דאס איז א פראפאזעל וואס דארף גאנץ לייכט דורכגיין.

- **פראפאזעל 3**

דאס וועט ערלויבן פאר די סטעיט צו לייען זיך 2 ביליאן דאלאר, פארקויפן באנדס פאר די סומע, וואס דאס געלט וועט מען נוצן אריינצוברענגען מער טעכנאלאגיע אין די שולעס.

דאס געלט איז א מיטל אוועקצונעמען די אויפמערקזאמקייט פונעם גאווערנאר און לעגיסלאטור ווי אזוי זיי געבן נישט גענוג געלט פאר די שולעס. נאך די רעסעסיע פון 08׳, האט מען אוועקגעשלעפט ביליאנען דאלארן וואס וואלט געדארפט גיין פאר די שולעס, און ווי איידער אנצושטרענגען דעם בודזשעט מיט די סארט אויסגאבן, איז לייכטער צו נעמען געלט וואס קומט אריין דורך פארקויפן א באנד, אז מ׳וועט עס צוביסלעך אפצאלן אין לויף פון די קומענדיגע יארן.

קיינער האט נישט ליב צו קאמפיינען קעגן "הילף פאר עדיוקעישאן", האט דער פראפאזעל געהאט אויסזיכטן דורכצגיין אפילו אויב עס איז געווען א געוויסע לאגישע קעגנערשאפט דערצו, אז דאס איז אומנויטיג, און מ׳דארף אזעלכע זאכן ערלעדיגן דורכ׳ן געווענליכן נארמאלן בודזשעט.

## היציגער קאמפיין אין 18׳טן קאנגרעסיאנאלן דיסטריקט

זייער א היציגער קאמפיין האט זיך אפגעשפילט אין דעם פארמעסט אין 18׳טן קאנגרעסיאנאלן דיסטריקט, וואו די רעפובליקאנער קאנדידאט נענסי העיווארט האט אריינגעלייגט אייגענע גרויסע געלטער אין איר קאמפיין קאסע, צוריקצוגעווינען דעם קאנגרעסיאנאלן זיץ וואס זי האט 2 יאר צוריק פארלוירן צום דעמאקראטישן קאנגרעסמאן שאון פעטריק מעלאני.

מ׳האט נישט געקענט פאראויסזאגן דעם אויסגאנג פון די וואלן בלויז פון די אנקעטעס, אבער דער העיווארט קאמפיין איז געווען צופרידן אז אין די לעצטע טעג פאר די וואלן, האט מעלאני געהאלטן פאראויס מיט בלויז 5 פראצענט פונקטן. אלע האבן אבער אנערקענט אז מ׳האט קיין אנונג נישט ווי אזוי עס וועט ווירקן דער פלייץ פון די רעקלאמעס וואס איז באשטימט אויף די לעצטע טעג, אזוי ווי גרויס געלט האט אריינגעפלאסן אין דעם דיסטריקט אויך פון אויסער די סטעיט.

מעלאני האט געהאלטן פאראויס 49 צו 44 פראצענט ביי ווארשיינליכע וויילער, אבער די רעפובליקאנער האבן זיך געטרייסט אז דאס איז אביסל שמאלער פון די 8 פונקטן וואס מעלאני האט געהאלטן פאראויס 6 וואכן פריער, און יעדעס מאל ווען א פאליטישאן וואס איז אין אמט האלט אונטער 50 פראצענט, איז דאס געווענליך א גוטע אנדייטונג פאר׳ן קעגנער, ווייל אויב דער פאליטישאן וואס איז אין אמט האט נישט די שטיצע פון רוב וויילער, איז נישט קיין סברא אז די אומבאשטימטע וויילער וועלן אין די לעצטע מינוט באשליסן צו שטימען פאר יענעם פאליטישאן. 8 פראצענט פון די וויילער האבן פאריגע וואך געזאגט אז זיי האבן נאכנישט באשלאסן פאר וועמען צו שטימען.

נאציאנאלע עקספערטן האבן באצייכנט דעם פארמעסט ווי אומקלאר, מ׳קען נישט זאגן ווער עס וועט געווינען. דריי פערטל פון די שטיצער פון ביידע קאנדידאטן האבן געזאגט אז עס איז נישטא קיין אויסזיכטן אז זיי זאלן טוישן זייער מיינונג פאר׳ן וואל טאג.

ארום העלפט פון די וויילער זענען אין ארענדזש קאונטי, וואס דארט האט מעלאני געהאלטן פאראויס מיט 12 פראצענט פונקטן. אין דאטשעס קאונטי איז ער געווען פאראויס מיט 5 פונקטן. העיווארט האט געהאלטן פאראויס מיט 9 פונקטן אין וועסטשעסטער און פוטנעם קאונטיס, וואס דארט איז איר שטיצע געשטיגן אין די פאר וואכן.

ביי מענער, האט העיווארט געהאלטן 4 פונקטן פאראויס, אבער מעלאני איז געווען פאראויס 13 פונקטן ביי פרויען וויילער, און 10 פונקטן ביי וויילער וואס זענען העכער 55 יאר.

עס לויפט אויך א 3׳טער קאנדידאט, סקאט סמיט, פון גאושען, וועלכער איז אמאל געווען אן אלדערמאן (קאונסילמאן) אין מידלטאון. מ׳האט נישט געפרעגט איבער אים אין די אנקעטעס און מ׳האט אים אויך אויסגעשלאסן פון די דעבאטעס, קען מען נישט וויסן ווי אזוי זיין קאנדידאטור קען ווירקן אויפ׳ן וואל אויסגאנג.

די דעמאקראטן האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אינעם מעלאני קאמפיין, אריינגערעכנט שטיצע פון געוועזענעם פרעזידענט ביל קלינטאן, און זיין פרוי הילערי קלינטאן האט פאריגע וואך ענערגיש קאמפיינט פאר מעלאני ביי א ראלי אין וועסטשעסטער קאונטי. די 2 דעמאקראטישע סענאטארן שומער און דזשיליברענד האבן באשטימט א ראלי אויפטריט פאר מעלאני אויף דעם מאנטאג.

העיווארט האט דאנערשטאג געהאט א ראלי מיט 5 רעפובליקאנער קאנגרעסלייט, אריינגערעכנט די פירער פון די רעפובליקאנער קאנגרעסיאנאלע קאמפיין קאמיטע.

ביז פאריגן פרייטאג, האבן שוין די פאליטישע פארטייען און דרויסענדיגע ביישטייערער אויסגעגעבן איבער 3 מיליאן דאלאר אין דעם קאמפיין. איינע פון די מעלאני רעקלאמעס האט געוויזן ווי אזוי ער ארבעט אינאיינעם מיט רעפובליקאנער, וואס דאס איז א הויפט טעמע פון זיין קאמפיין. מ׳האט געזען ווי דער רעפובליקאנער סטעיט סענאטאר וויליאם לארקין לויבט דעם דעמאקראט מעלאני.

אזוי ווי איין מעלאני קאמפיין טענה קעגן העיווארט איז אז זי איז א ״טיי פארטי ראדיקאל״, האט זי ארויסגעשטעלט א טעלעוויזיע רעקלאמע מיט איר זון וועלכער פירט אן אומאמארלישן לעבנסשטייגער און ער האט באדאנקט זיינע עלטערן אז זיי שטיצן אים, וואס דאס דארף ווייזן פאר די וויילער אז העיווארט איז נישט אזוי ראדיקאל ווי די דעמאקראטן שטעלן זי פאר.

די מאסיווע רעקלאמעס האבן פאקטיש א ווירקונג; עס איז נישט אוועקצומאכן. די ציפעדיגע רעפובליקאנער רעקלאמעס וואס רייסן אזוי שטארק אראפ מעלאני, האט ארויפגעטריבן פון 31 צו 41 פראצענט די וויילער וואס האבן אן אומגינסטיגע מיינונג איבער אים, אבער פון די אנדערע זייט, האבן 47 פראצענט יא געהאט א גינסטיגע מיינונג אויף אים, ווען 44 פראצענט האבן געהאט א גינסטיגע מיינונג אויף העיווארט.

סטיווען גרינבערג, וועלכער פירט אן די סיענא אנקעטע, האט געזאגט, אז ווען אנקעטעס זענען אזוי נאענט, ווערט דער רעזולטאט געווענליך אנטשידן לויט וועלכע פארטיי עס טוט א בעסערן דזשאב ארויסצוברענגען די וויילער. אין יארן ווען מ׳שטימט נישט פאר א פרעזידענט, זענען די רעפובליקאנער געווענליך שטארקער אין דעם געביט.

*

## גרים האט אומגעראכטן פארשטארקט זיינע וואל אויסזיכטן

דער רעפובליקאנער קאנגרעסמאן מייקל גרים פון סטעטען איילאנד און ברוקלין האט אומגעראכטן פארשטארקט זיינע ווידערערוויילונג אויסזיכטן, ווען די אנקעטעס האבן געוויזן אז ער האט 53 פראצענט צו בלויז 34 פראצענט פאר זיין דעמאקראטישן קעגנער דאמיניק רעקיא. 7 וואכן פריער האט גרים געהאלטן פאראויס בלויז 44 צו 40 פראצענט ביי די ווארשיינליכע וויילער.

עס איז א מערקווירדיגע שטארקייט פאר גרים וועלכער איז אונטער אן ערנסטע פעדעראלע אינדייטמענט, אבער די רעפובליקאנער וויילער האבן באשלאסן אז זיי וועלן זיך שטארק ארויסשטעלן פאר גרים מיט אן איינפאכן חשבון, אז אפילו אויב גרים וועט פאראורטיילט ווערן און וועט מוזן פארלאזן דעם קאנגרעס, וועט דאן פארקומען ספעציעלע וואלן וואס די רעפובליקאנער וועלן נאכאמאל האבן אויסזיכטן צו געווינען, אבער אויב רעקיא געווינט איצט, פארבלייבט ער דער קאנגרעסמאן אויף גאנצע 2 יאר.

אויך ביי אידישע וויילער האט גרים געהאלטן פאראויס, 48 צו 40 פראצענט, וואס אין סעפטעמבער איז רעקיא געווען שטארק פאראויס, 55 צו 33 פראצענט. ארום 18 פראצענט פון די איינוואוינער אין גרים׳ס דיסטריקט זענען אידן.

א געווינס פאר גרים איז געווען ווען די צייטונג וואס ערשיינט אין סטעטען איילאנד, די ״עדוואנס״, האט אינדארסירט גרים זאגענדיג אז מ׳טוט דאס טראץ א סאך אומאנגענעמליכקייטן ביים פאסן דעם באשלוס.

פאר רעקיא האט געשאדט, זיין קאמפיינען. ווי מער מ׳האט זיך באקענט מיט אים, אלץ מער האבן די וויילער באשלאסן אז זיי ווילן אים נישט האבן אלס קאנגרעסמאן.

*

## העפטיגער קאמפיין פאר קאנגרעסמאן אין לאנג איילאנד

זייער א העפטיגער קאמפיין האט זיך היי יאר אפגעשפילט אין ערשטן קאנגרעסיאנאלן דיסטריקט, אויף די מזרח העלפט פון לאנג איילאנד, וואו די רעפובליקאנער האבן ארויסגעשטעלט א אידישן קאנדידאט, לי זעלדין, צו לויפן קעגן דעם דעמאקראטישן קאנגרעסמאן טים בישאפ.

אין אנהויב האט בישאפ געהאלטן 10 פראצענט פונקטן העכער זעלדין, אבער מיליאנען דאלארן זענען פארשוועדט געווארן אין דעם דיסטריקט, און דער שמוציגער קאמפיין האט מער געשאדט אראפצורייסן בישאפ, אזוי אז ענדע פאריגע וואך האט שוין זעלדין געהאלטן פאראויס, 50 צו 45 פראצענט ביי ווארשיינליכע וויילער.

בישאפ איז שוין 12 יאר א קאנגרעסמאן, ממילא האבן די אנקעטע עקספערטן געזאגט אז עס איז פריצייטיג אויפצוגעבן האפענונג אויף אים בלויז ווייל ער איז געפאלן אין די אנקעטעס אין די לעצטע וואך פאר די וואלן, אבער עס איז זייער קלאר געווען אז זעלדין האט געהאט גוטע אויסזיכטן צו געווינען, איבערהויפט אז בלויז 5 פראצענט פון די וויילער האבן געהאלטן אין די לעצטע פאר טעג אלס אומאנטשידן, אז זיי האבן נאכנישט געפאסט קיין מיינונג.

די רעפובליקאנער פארטיי האט איצט נישט קיין איין קאנגרעסמאן פון אידישן אפשטאם נאכדעם ווי עריק קענטאר האט אומגעראכטן פארלוירן די פריימעריס אין ווירדזשיניע, און נישט לאנג דערויף האט ער רעזיגנירט פון קאנגרעס. אידישע רעפובליקאנער ביישטייערער האבן זיך ברייט געשטעלט צו געבן געלט פאר׳ן זעלדין קאמפיין, וואס מ׳גיט אים די בעסטע אויסזיכטן צו ווערן א רעפובליקאנער קאנגרעסמאן פון אידישן אפשטאם, אבער רעפובליקאנער געבן נאכנישט אויף האפענונג אויך אויף 4 אנדערע דיסטריקטן וואו עס לויפן רעפובליקאנער אידן מיט גוטע אויסזיכטן צו געווינען.

*

## די ״קלענערע״ קאנדידאטן אין ניו יארק

עס איז שטענדיג דא קאנדידאטן וואס לויפן אויף אויף קלענערע פארטייען, מיט פארשידענע חשבונות, כאטש זיי אליין ווייסן אז זיי האבן קיינע אויסזיכטן צו געווינען, און דאס זעלבע איז אויך היי יאר.

די הויפט קאנדידאטן פאר גאווערנאר און לוטענאנט גאווערנאר זענען:

ענדרו קואמא און קעטי האקעל, וואס זייערע נעמען ערשיינען אויף 4 פארטייען: דעמאקראטן, אינדעפענדענס, ווארקינג פעמיליס און וואומענס איקוואליטי. (די ״גרויסע״ קאנדידאטן זוכן אויך צו ערשיינען אויף ווי מער וואל ליסטעס, ווייל יעדע פון די קלענערע פארטייען ציען אן א געוויסע צאל שטימען.)

די לעצטע פארטיי אויף די ליסטע איז א נייע פארטיי וואס קואמא האט ארגאניזירט ארויסצוהויבן דעם פאקט אז ער האט אויסגעקליבן א פרוי צו לויפן פאר לוטענאנט גאווערנאר, און פאליטישאנס פון די ״ווארקינג פעמיליס״ פארטיי זענען זייער אומצופרידן פון דעם, ווייל אזוי ווי דער קואמא קאמפיין שיקט ארויס א פאסט פארפלייצונג פאר די נייע פארטיי, וועט עס אונטערגראבן די עלטערע ליבעראלע פארטיי, און אויב עס וועט אוועקציען גענוג שטימען אז קואמא זאל נישט באקומען קיין 50,000 שטימען אויף די ווארקינג פעמיליס ליניע, וועט יענע פארטיי פארלירן איר סטאטוס אלס אן אפיציעלע פארטיי אויף די קומענדיגע 4 יאר, וואס מיינט אז יעדעס יאר וועלן זיי מוזן זאמלען פעטיציעס אין יעדן דיסטריקט וואו זיי ווילן ערשיינען אויף די וואל ליסטע.

קואמא האט א חשבון מיט די פארטיי, וועלכע האט אים געצווינגען צו באשטעטיגן געוויסע ליבעראלע זאכן, וואס אזוי האבן זיי נישט געשטיצט די קאנדיאטור פון זעפיר טיטשאוט, די ליבעראלע פראפעסאר וועלכע איז געלאפן קעגן קואמא אין די דעמאקראטישע פריימעריס (און האט אנגעצויגן א דריטל פון די שטימען!). איצט וועט זיך דער נוקם ונוטר קואמא אפרעכענען, ער וועט אנלערנען די פארטיי אז זיי זאלן זיך מער נישט פארטשעפען מיט דעם מאכטפולן גאווערנאר קואמא.

ראב עסטארינא איז דער גאווערנאר קאנדידאט פון די רעפובליקאנער, און קריס מאס לויפט פאר לוטענאנט גאווערנאר. זייערע נעמען זענען אויך געווען אויף די ליסטעס פון די קאנסערוואטיווע, און נאך 3 קליינע פארטייען.

דערנאך האט מען געהאט סטיווען קאהן און בארבי קאלאטי, הארווי האוקינס און ברייען דזשאונס, און מייקל מעקדערמאט מיט קריס עדיס.

פאר סטעיט קאנטראלער זענען די הויפט קאנדידאטן טאמאס דינאפאלי פאר די דעמאקראטן, און ער ערשיינט אויך אלס קאנדידאט פון די פארטייען וואו קואמא לויפט. דער רעפובליקאנער קעגנער איז געווען ראבערט ענטאנאטשי, מיט נאך א קליינע פארטיי.

אויך זענען געלאפן דזשאן קליפטאן און טעריזא פארטעלי.

פאר אטוירני דזשענעראל איז עריק שניידערמאן געלאפן פאר ווידערערוויילונג אינאיינעם מיט קואמא אלס דעמאקראט און נאך 3 פארטייען. דער רעפובליקאנער קעגנער איז געווען דזשאן קעהיל, לויפענדיג אויף די זעלבע פארטייען ווי אנטאנאטשי.

מ׳האט נישט ערווארט קיין שום שוועריקייטן פאר די דעמאקראטישע סטעיט קאנדידאטן אפצוהאלטן ריזיגע זיגן. עס איז בלויז געווען א פראגע ווי שטארק זייערע זיגן וועלן זיין, וואס פאר קואמא, קען דאס זיין א פראגע צי עס וועט אים דערהויבן צום סטאטוס פון א נאציאנאלן פאליטישאן. יעדער ״נארמאלער״ פאליטישאן חלומ׳ט דאך פון ווערן פרעזידענט. אויב הילערי קלינטאן וועט צוליב א סיבה נישט לויפן פאר פרעזידענט אין 16׳, און קואמא וועט זייער שטארק געווינען איצט, מוז ער אויטאמאטיש באטראכט ווערן ווי א הויפט פרעזידענט קאנדידאט פאר די דעמאקראטן.

אויך די רעפובליקאנער האבן דעם חשבון, צוליב דעם האבן זיי פארשוועדט אזוי פיל געלט אויף דעם האפענונגסלאזן עסטארינא קאמפיין, אונטערצוגראבן און מינימיזירן ווי ווייט מעגליך דעם קואמא זיג.